**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון ערשטע מוניציפאלע סאלאר-מיט-סטארעדזש פראיעקט אין לאנג איילענד**

***ריינע סאלאר ענערגיע אויפטרייבונג וועט מאכן טאון אָוו איסט העמפטאן'ס פארקס דעפּארטמענט געביידע אלץ ערשטע קארבאן באלאנסירטע געביידע פאר עלעקטריציטעט, איינשפארנדיג ענערגיע קאסטן***

***פראיעקט באלאנסירט קארבאן עמיסיעס העלפנדיג ניו יארק סטעיט און איסט העמפטאן טאון פאראויס גיין מיט אגרעסיווע סאלאר און ענערגיע סטאָרעדזש ציהלן***

***זעהט בילדער געכאפט פון א דראָון [דא](#) און [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון דער ערשטער סאלאר-מיט-סטארעדזש פראיעקט דורך א לאקאלע רעגירונג אין לאנג איילענד, יעצט אפּן אין די טאון אָוו איסט העמפטאן. די פאנעלן אויפן דאך מאכן די פארקס דעפּארטמענט געביידע ביי די טאַון האָל קאמפוס אלץ די ערשטע געביידע אין די שטאט צו אנקומען צו די ציהל פון באלאנסירטע קארבאן עמיסיעס דורך עלעקטריציטעט אויפטרייבונג. דער פראיעקט, דעוועלאפּט מיט די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט ( New York Power Authority, NYPA), שטיצט ניו יארק סטעיט'ס ציהל צו ארויסבאקומען 70 פראצענט פון איר עלעקטריציטעט פון ריינע ענערגיע ביז 2030, און אזוי אויך די טאון אָוו איסט העמפטאן'ס ציהל צו האבן נאר ריינע ענערגיע אין די גאנצע קאמיוניטי אין אלע אינדוסטריעס, אויך ביז 2030.

"סאלארישע טרייב קראפט איז א הויפט חלק אין ניו יארק'ס שטופ צו אנקומען צו א עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סיסטעם און צו עררייכן אונזערע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די פארענדיגונג פון דעם סאלאר-מיט-סטארעדזש פראיעקט, איז די טאון אָוו איסט העמפטאן די ערשטע לאקאלע רעגירונג אין לאנג איילענד זיך צו איבערגעבן צו א לייזונג וואס בויט אריין סאלאר אין רעגירונג אפעראציעס. מיר ווערן פארזעצן צו מאכן אמביציעזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע וועלכע ברענגען דזשאבס, שפארן איין שטייער געלטער און בויען א גרינערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די 165-פאנעלן סיסטעם איז דירעקט פארבינדן מיט די PSEG לאנג איילענד דיסטריביושען גריד, און עס וועט צושטעלן אומגעפער 90 מעגאַוואַט שעה'ן פון ענערגיע יעדעס יאר. אין די ערשטע יאר וועט עס באלאנסירן כמעט 110,000 פונט פון קארבאן דיאקסייד, די זעלבע מאס ווי די קארבאן דיאקסייד עמיסיעס פון מער פון 125,000 מיילן געדרייווט דורך די דורכשניטליכע פאסאנזשיר קאר. די 75-קילאוואַט סלאר PV (פאטא-וואלטעאיק) סיסטעם וועט אויפטרייבן ריינע טרייב-קראפט און עס וועט אויך טשארדזשען א 137-קילאוואַט-שעה באטעריע. עס איז ערווארטעט אז 100 פראצענט פון די ענערגיע קאסטן פון די געביידע וועלן באלאנסירט ווערן דורך קרעדיטס פון די ענערגיע וואס ווערט פראדוצירט

דורך די סאלאר PV סיסטעם. סיי וועלכע צוגאבליכע ענערגיע קרעדיטס וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אן אנדערע געביידע אין די טאון האָל קאמפוס.

**איסט העמפטאן טאון סופערווייזאר, פיטער וואן סקאָיאק, האט געזאגט,** "נישט נאר וועט דער פראיעקט רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און מאכן די טאון האָל קאמפוס מער פריינטליך צו די ענווייראמענט, נאר עס איז אויך געשאצט צו איינשפארן פאר די טאון'ס שטייער-באצאלנדע בירגער צום ווייניגסטנס $10,000 א יאר צווישן ביל קרעדיטס און עלעקטריציטעט קאסטן."

די טאון, אין צוזאמענארבעט מיט די פאווער אויטאריטעט, האט אויסדערוועהלט ניו יארק-באזירטע Solar Liberty און איר פינאנצירונג שותף פאר דעם פראיעקט, Inclusive Prosperity Capital, דורך א פראצעדור אין וועלכע זיי האבן אויסגעוועהלט די בעסטע פון א ליסטע פירמעס, צו אנטוויקלען די סאלאר-מיט-באטעריע סטארעדזש סיסטעם. די סאלאר PV סיסטעם וועט פינאנצירט ווערן דורך א 20-יאריגע פאווער-איינקויפונג אפמאך (Power Purchase Agreement, PPA) מיט Inclusive Prosperity Capital, אן די טאון זאל דארפן צאלן פון פאראויס. א PPA ערמעגליכט אויך די טאון צו בענעפיטירן פון קאסטן פארגוטיגונגען וועלכע ווערן געגעבן דורך טעקס קרעדיטס.

די באטעריע וואס איז צוגעלייגט געווארן אן א קאסט פאר די טאון דורך גרענט שטיצע פון NYPA וועט איינזאפן ענערגיע און עס ארויסלייגן אויפן גריד ווען אימער נויטיג, אין די שעה'ן ווען עס איז דא די העכסטע פארלאנג.

**NYPA צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאסטין ע. דריסקאָל, האט געזאגט,** "די פאווער אויטאריטעט העלפט לאקאלע רעגירונגען און סטעיט אגענטורן עררייכן זייער אריבערגאנג-פון-קארבאן ציהלן דורך שעפערישע ענערגיע לייזונגען וועלכע רעדוצירן אויסגאבן, פארמערן ענווייראמענט-פריינטליכקייט און נידערן אראפ שעדליכע גאז עמיסיעס. די טאון אָוו איסט העמפטאן פלאסטערט אויס נייע וועגן אין לאנג איילענד דורכן צוזאמפארן סאלאר מיט סטארעדזש צו איינשפארן ענערגיע קאסטן. אזעלכע שעפערישע פראיעקטן וועלכע ווערן אויפגעבויט אריבער די סטעיט וועלן העלפן פאראויס רוקן ניו יארק'ס פארשריט סיי צו אירע סאלאר ציהלן און סיי צו איר אמביציעזע ציהל פאר א 100-פראצענטיגע עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סיסטעם ביז 2040."

NYPA האט רעקאמענדירט די סיסטעם'ס אינסטאלאציע אלץ חלק פון איסט העמפטאן'ס אנגייענדע באמיאונגען זיך צו רוקן צו א 100-פראצענט ריינע ענערגיע ציהל. NYPA דיסטריביוּטעד ענערגיע רעסאָרס אדווייזארי סערוויסעס (Distributed Energy Resource Advisory Services) האט ארויסגעהאלפן אלץ ראטגעבער דורכאויס דעם פראיעקט. דער פראיעקט שטיצט אויך די סטעיט'ס אגרעסיווע סאלאר און ענערגיע סטאָרעדזש ציהלן צו באקעמפן קלימאט טויש וואס רעכנט אריין אנקומען צו צום ווייניגסטנס 10 גיגאַוואַטס פון דיסטריביוּטעד סאלאר ביז 2030.

די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט צוגעזאגט קרוב צו $35,000 פאר דעם פראיעקט דורך איר ריטעיל ענערגיע סטאָרעדזש פראגראם וואס שטעלט צו פינאנצירונג פאר ביזנעס קליענטן פאר אומאפהעניגע, גריד-פארבינדענע ענערגיע סטאָרעדזש אדער פאר סיסטעמען וועלכע זענען צוזאמגעפארט מיט נייע אדער עקזיסטירנדע אויפן-ארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ווי סאלאר. ניו יארק'ס ברייטע צוגאנג צו ענערגיע סטאָרעדזש העלפט פארשנעלערן דאס אפלערנען פון די מארקעט, עס טרייבט אראפ קאסטן און פארשנעלערט דאס אנהויב פון באנוץ מיט ענערגיע סטאָרעדזש פראיעקטן צו בעסער אריינברענגען ריינע ענערגיע מיטלען. זינט 2019 זענען מער פון 300 מיליאן דאלאר גענוצט געווארן צו פינאנצירן די קאנסטרוקציע פון מער פון 1,300 מעגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש פראיעקטן אריבער די סטעיט.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "צוזאמפארן סאלאר מיט ענערגיע סטאָרעדזש ערלויבט ריינע ענערגיע וואס ווערט פראדוצירט צו גענוצט ווערן וואו און ווען אימער די עלעקטריציטעט גריד דארף עס די מערסטע. דער פראיעקט איז די בעסטעביישפיל פון וויאזוי די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען קענען ארבעטן צוזאמען צו מאכן אפעראציעס מער פריינטליך צו די ענווייראמענט בשעת'ן פארבעסערן די לאקאלע לופט קוואליטעט און איינשפארן געלטער פון ניו יארקער."

אין שטיצע פון די טאון'ס ציהל פון נוצן 100 פראצענט ריינע ענערגיע, האט דער סופערווייזאר פאראויס געשטופט ענערגיע ענווייראמענט-פריינטליכקייט באמיאונגען, אריינרעכענענדיג די ' Energize East Hampton' קאמפיין וואס האט געאפפערט באלוינונגען פאר איינוואוינער צו אינסטאלירן סאלאר פאנעלן און אנדערע ענערגיע-שפארנדע מאשינען, און עס האט פארגעזעצט צו אפשאצן און רעדוצירן ענערגיע באנוץ ביי פובליק געביידעס. אנדערע ענווייראנמענטאלע איניציאטיוון רעכענען אריין עלעקטראנישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס אויף די טאון האָל קאמפוס און די דעוועלאפמענט פון טאון שטחים פאר די ערשטע מעגאוואַט-פארנעם סאלאר פארם אין לאנג איילענד'ס דרום חלק. NYPA ארבעט אויך מיט די טאון אויף LED גאסן באלייכטונג פארבעסערונגען.

**וויצע פרעזידענט פון Solar Liberty, נעיטען ריזאָו, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו האבן אריין אין א שותפות מיט די טאון אָוו איסט העמפּטאן, NYPA און IPC אויף די דורכברעכנדן סאלאר-מיט-סטארעדזש פראיעקט. אלץ די ערשטע פון די סארט ביי א טאון איינריכטונג, שטעלט די אינציאטיוו אוועק א שטארקע ביישפיל פאר אנדערע לאקאלע רעגירונגען אין ניו יארק און ווייטער, ארויסווייזנדיג די ווערט און בענעפיטן פונעם אננעמען ריינע ענערגיע לייזונגען. די אינסטאלאציע ברענגט נישט נאר איסט העמפּטאן נאענטער צו איר 100 פראצענט ריינע ענערגיע ציהל נאר עס שפארט אויך איין באדייטנדע סומעס פאר שטייער-באצאלנדע בירגער בשעת'ן באקעמפן קלימאט טויש."

Inclusive Prosperity Capital (IPC), א נאנ-פראפיט אינוועסטירונג קאסע ספעציעל צו פינאנצירן ריינע ענערגיע פראיעקטן וועלכע בענעפיטירן טראדיציאנאל-פארקוקטע מארקעטס און קרעדיטס, גייט אריין אין א שותפות מיט די טאון אָוו איסט העמפּטאן צו זיין די אייגנטימער און פארוואלטער פון די סיסטעם.

**מענעדזשינג דירעקטאר פון ריינע-ענערגיע אריבערפירונגען פון IPC, דזשאן דע'אגאָסטינאָו, האט געזאגט,** "IPC איז באגייסטערט צו שטיצן די טאון אָוו איסט העמפּטאן און די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט ביים אנטוויקלען די ערשטע מוניציפאלע סאלאר מיט סטארעדזש סיסטעם אין לאנג איילענד און צו ביישטייערן צו די טאון'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. דער איסט העמפּטאן פראיעקט איז א געוואלדיגע ביישפיל פון IPC און NYPA'ס קאנצענטרירונג צו אנהויבן נוצן ריינע ענערגיע אין לאקאלע רעגירונגען."

**סטעיט סענאטאר ענטאני ה. פאלומבאָו האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן די טאון אָוו איסט העמפּטאן פאר זייערע באמיאונגען צו רעדוצירן די ראיאן'ס קארבאן עמיסיעס און צו שטופן פאר א גרינערע און געזונטערע צוקונפט פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך. דער פראיעקט איז א וויכטיגע ערשטע טריט אין לאנג איילענד אין די ריכטונג פון די ציהל פאר פולשטענדיג באלאנסירטע קארבאן עמיסיעס פאר טאון איינריכטונגען און צו לייגן די יסוד פאר א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר די מזרח זייט און פאר ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד וו. טיעלע דזשוניאר האט געזאגט,** "די טאון אָוו איסט העמפּטאן'ס פארענדיגונג פון דעם ערשטן סאלאר-מיט-סטארעדזש פראיעקט דורך א לאקאלע רעגירונג אין לאנג איילענד איז א מערקווירדיגע עררייכונג און א באדייטנדע טריט פאראויס צום עררייכן אנהאלטסבארע

ענערגיע ציהלן. דער פראיעקט שטיצט ניו יארק סטעיט'ס אמביציעזע ריינע-ענערגיע ציהלן און דינט אלץ מוסטער פאר אנדערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט. מיטן עררייכן קארבאן עמיסיעס באלאנס, האט די טאון אָוו איסט העמפּטאן ארויסגעוויזן איר פארפליכטונג צו א ריינע, גרינערע צוקונפט. די שותפות צווישן די טאון און די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט, איז א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי רעגירונג און אינדוסטריע קענען ארבעטן צוזאמען צו עררייכן געמיינזאמע ציהלן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן